LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# יידישע העפטן



59-60

Alain KLEINMANN : "ERRANCES"

אַלען קליינמאַן (פּאַריז) : "וואָגלענישן"

Techniques mixtes sur papier. Paris 2005.

מאַי 1948 • 60 יאָר מדינת-ישׂראל • מאַי 2008

n° 125

MAI 2008 מאַי

prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# ישראלדיקער שרייבער
# אהרון אַפּעלפעלד אין פּאַריז

### אינטערוויו אויפגענומען פון פּראָפעסאָר
### מאַקס קאָהן/פּאַריז

אין חודש מערץ 2008 איז פּאַרגעקומען אין פּאַריז דער יערלעכער בוך־יאַריד, וועלכן ס'האָבן געפּרוווט באָיקאָטירן די אַראַבישע לענדער ווייל דער דאָזיקער יאַריד איז געווען געווידמעט די העברעיִשע ליטעראַטור אין מדינת־ישראל. אין אַלגעמיין האָבן די פראַנצויזישע שרייבער און אינטעלעקטואַלן זיך קעגנגעשטעלט די אַנטי־ישראלדיקע איניציאַטיוו און דער יאַריד האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. צווישן די אַנוועזנדע אין פּאַריז ישראלדיקע שרייבער האָבן זיך געפונען צווישן אַנדערע, דוד גראָסמאַן, א.ב. יושוע, אַמוס עוז און אהרון אַפּעלפעלד.

אהרון אַפּעלפעלד געהערט צו די ישראלדיקע שרייבער וואָס האָבן נישט פאַרגעסן אונדזער מאַמע־לשון - יידיש - און בעת זיין קאָנפערענץ אין Cercle Bernard Lazare האָט ער געשמועסט אין יידיש מיט ק. האַמפּעל ווי אויך מיט פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן - מחבר פון פאָרשונגען וועגן פסיכאָאַנאַליז און יידיש.

מיר פאַרעפנטלעכן דעם אינטערוויו וואָס מאַקס קאָהן האָט געמאַכט מיט דעם גרויסן שרייבער אהרון אַפּעלפעלד.

**די רעדאַקציע**

* * *

**מאַקס קאָהן :**
זאָגט אונדז ווי אַזוי זענט איר געקומען צו יידיש?

**אהרון אַפּעלפעלד :**
מיין מוטער־שפּראַך איז דייטש. איך בין געקומען צו יידיש ווייל איך האָב געוואָלט זיין אַ ייד. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אָן יידיש קען איך נישט זיין אַ פולער ייד. איך האָב זיך געלערנט אין דעם אוניווערסיטעט. איך האָב זיך אויך געלערנט ביי די רעליגיעזע יידן אין מאה־שערים און אויך ביי די בונדיסטן.

**מ. ק.:**
אין אייער בוך "ציפּור חיים" דערציילט איר, אַז יידיש איז געווען די שפּראַך פון די זיידע־באָבע.



Aharon APPELFELD et Claude HAMPEL au Cercle Bernard Lazare.
photo S.V.

**א.א.:**
איך בין געקומען צו יידיש נאָך די מלחמה. און ווען איך בין געווען מיט די פּליטים האָב איך געהערט יידיש.

**מ.ק.:**
פאַרוואָס שרייבט איר נישט אין יידיש?

**א.א.:**
ווייל איך קען נישט. איך שרייב אין עברית וואָס איז אויך אַ יידישע שפּראַך.

**מ.ק.:**
וואָס איז די סיטואַציע פון יידיש אין ישראל?

**א.א.:**
אַמווייניגסטן אַ האַלב מיליאָן יידן רעדן יידיש; אַמערסטן די רעליגיעזע יידן.

**מ.ק.:**
איר האָט אַ שייכות מיט זיי?

**א.א.:**
איך קויף ביי זיי ביכער, חסידישע ביכער.

**מ.ק.:**
ווי אַזוי זעט איר די צוקונפט פון יידיש?

**א.א.:**
ווען איך בין געקומען קיין ישראל אין 1946, האָבן 200.000 יידן גערעדט העברעיִש : איצט 6 מיליאָן! דאָס הייסט אַז מען טאָר נישט נביאות זאָגן. מיט דעם האָב איך געענטפערט אויף אַלע אייערע פראַגן.

■